# LIVING TORAH

## פרשת בחוקותי

### בס"ד. שיחת ל"ג בעומר – בעת ה"פאראד" – ה'תשמ"ג

הנחה פרטית בלתי מוגה

ס'איז דאך פארשטאנדיק, אז וויבאלד אז דער טאג איז פארבונדן מיט רבי שמעון בן יוחאי, אז צום אלעם ערשטן, איז די הנהגות – די אויפפירונגען – פון ר' שמעון בן יוחאי וועגן וועלכע תורה דערציילט אונז – איז דאס זיכער, אז דאס איז ניט סתם א דערציילונג, נאר א הוראה – אן אנווייזונג – אז ניט קוקנדיק אויף די גרויסקייט פון ר' שמעון בן יוחאי,

וואס ווער קען זיך צו אים גלייכן, ביז וואנענט, אז רבי עקיבא – זיין רבי – האט אויך אים עדות-געזאגט, אז "מכירין כוחך", ווער קען און קען אפשאצן די גרויסקייט פון ר' שמעון בן יוחאי – איז דאס מערניט ווי "אני" רבי עקיבא, וואס איז געווען זיין רבי, "ובוראך" – דער אויבערשטער, וואס האט אים באשאפן.

וואס איז די הויפט-הנהגה – די אויפפירונג – פון ר' שמעון בן יוחאי?

דערציילט אונז תורה שבעל-פה – הוראה שבעל פה – [וואס איז שוין דערנאך איך אפגעדרוקט געווארן און מ'לערנט דאס), אז ביי אים איז געווען "תורתו – אומנתו":

ער האט זיך פארנומען אויך מיט פארשידענע זאכן; זיכער האט ער געמוזט אנגעקומען צו עסן און טרינקען (און אזוי) און ענליכעס; וואס איז אבער געווען "אומנתו", וואס דאס איז געווען זיין "פאך", און אין דערויף האט ער זיך אויפגעהאדעוועט, און אין דעריף האט ער געהאדעוועט זיינע תלמידים, און אין דערויף האט ער זיך אויפגעהאדעוועט, און אין דערויף האט ער געהאדעוועט זיינע תלמידים, און אין דערויף האדעוועט ער און איז מחנך יעדערן פון אונז וואס וויל מקבל-זיין פון אים זיין חינוך – אז ס'זאל זיין "תורתו" דאס זאל זיין "אומנתו".

אז אויב אפילו מ'איז פארנומען מיט פארשידענע זאכן, דארף מען געדענקען, אז אלע איבעריקע זאכן זיינען טפל, "סעקאנדערי", א צווייטע, א דריטע זאך; וואס איז דער אמת'ער "פאך" און דער אמת'ער בארוף [אקופיישאן בלע"ז] און דער אמת'ער חיות פון יעדערן וואס וויל גיין אין ר' שמעון בן יוחאי'ס וועגן – איז דאס איז די זאך פון לערנען תורה.

וואס דאס האט א ספעציעלע און שטארקע און לעבעדיקע אנווייזונג פאר יעדער קינד במיוחד (ספעציעל), פאר יעדער אידישער קינד,

ניט קוקנדיק אין וואס פארא בית-ספר, אין וואס פארא ארט זיי לערנען און ווערן ערצויגן – דארפן זיי וויסן זיין, אז זיי האבן א נתינת-כח – א שטארקייט – געגעבן געווארן פון ר' שמעון בן יוחאי, אז אויב ס'וועט נאר זיין "יגעת", זיי וועלן באשליסן, אז זייער גאנצע פרייע צייט דארפן זיי זיך אפגעבן מיט זייער "פאך", מיט זייער בארוף אין וועלכע דער אויבערשטער איז זיי מחנך [וואס דאס איז דאך אויך פון לשון "אומן את הדסה", פון לשון חינוך],



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת בחוקותי

וואס דאס איז, אז יעדער פרייע מינוט אפגעבן אויף לערנען תורה, ווי איר האט איצער אויך גענומען איינטייל און געחזר'ט פסוקים פון תורה-שבכתב און מאמרי חז"ל פון תורה שבעל-פה.

דערביי קומט נאך צו א ספעציעלע אנווייזונג:

אזוי ווי ס'דערנענטערט זיך די צייט ווען אייערע פאטערס און מוטער, אדער קרובים, פארשרייבן אייך א קעמפ, אין א מחנה-קיץ, אז בשעת ס'וועט זיך אנהויבן וואקיישאן, די צייט וואס ווערט באפרייט פון בית-ספר, זאלט איר ארינגיין אין דעם מחנה אויף מערערע טעג, אדער וואכן אדער חדשים –

זאלט איר בעטן דער מוטער און דער פאטער – און דער מוטער און דער פאטער וועלכע זיינען דא, בעט מען זיי אין דעם נאמען פון ר' שמעון בן יוחאי – אז זיי זאלן זיך משתדל זיין, ביז אין אן אופן פון "יגעת", הארעווען, אויף ארייננשרייבן יעדער קינד און אלע קינדער – און "ואהבת לרעך כמוך", אנווירקן אויף אנדער קינדער און אנדערע עלטערן – מ'זאל זיי פארשרייבן אין א מחנה-קייץ, אין א קעמפ, וואו יעדער פרייע מינוט ווערט אפגעגעבן אויף לערנען תורה און מקיים-זיין אירע מצוות.

זעלבסט-פארשטענדליק, אז (דאס געהערט) דאס מיינט סיי די וואס דארפן דאס טאן בנוגע צו זיך אליין, ווארום זיי **אליין** וויס מען נאך ניט וואו מ'וועט זיי פארשרייבן,

ס'איז אבער אויך, וויבאלד "ואהבת לרעך כמוך" – דארף יעדער קינד פאנאנדערפרעגן זיך בא זיינע חברים, און מיידעלעך ביי מיידעלעך, ביי די חבר'טעס, ווי אזוי וועלן זיי פארברענגען, ווי אזוי וועלן זיי אויסנוצן די זומער-צייט, די וואקיישאן-צייט, אז דעמולט זאל זיין דער "לשמש את קוני", פארשאפן פארגעניגן דעם אויבערשטן אויפן בעסטן וועג.

וואס דאס ברענגט דאך גלייך, אז מ'מוז טאן אלץ וואס מ'קען, אז מ'זאל פארברענגען דעם זומער אין אזא סביבה, אין אזא קעמפ, וואס – ווי געזאגט – יעדער פרייע מינוט וועט אפגעגעבן ווערן אויף "תורתו אומנתו".


© 2003 Jewish Educational Media, Inc.